## ״הלימוד עם האם בדרכה המיוחדת . . מוסיף חיות והתלהבות יתירה בלימודם של הילדים״

ומהאופנים בזה – ע״י ההתעניינות וההשתתפות של הנשים **בתלמודם** של בניהם, שכאשר הילדים חוזרים לבתיהם מה״חדר״, ״תלמוד תורה״ או ישיבה״, שואלת אותם אמם ומבקשת מהם שיחזרו ויעברו לה על תלמודם (מקרא ומשנה כו׳),

אשר, נוסף לתועלת שבחזרת הלימוד כשלעצמו (שהיא באותה מדה בהלימוד עם האב, אלא ש״הנשים ... פנויות ומצויות יותר בבית״), הרי, הלימוד עם **האם**, בדרכה המיוחדת, ביתר חום ורגש לבבי מאשר האב (שהלימוד עמו הוא בדרך של ״בחינה״, כנהוג שהאב בוחן את בניו על לימודיהם, ביום השבת וכיו״ב), מוסיף **חיות והתלהבות יתירה** בלימודם של הילדים, כנראה במוחש.

זאת ועוד: עי״ז שהנשים לומדות עם בניהם ניתוסף בלימוד התורה **דהנשים** עצמן – להזהיר **גדולים** (וגדולות) על (ידי התעסקותם עם) הקטנים״, ע״ז מ״ש ״והשיב לב אבות (ואמהות) על (ידי) בנים״.

(ש״פ אמור תש״נ ״ע״ד חיוב נשי ישראל בחינוך ובלימוד התורה״ – תו״מ תש״נ ח״ג ע׳ 171)

# תעמולה מיוחדת ללימוד יומי

ב״ה, ט״ו אלול, התשכ״א

ברוקלין, נ.י.

אגודת נשי ובנות חב״ד סניף: ה׳ עליהן תחיינה

ברכה ושלום!

### חשבון הנפש – הכל קשור עם תורה

מיר געפינען זיך יעצט אין מיטן פון חודש אלול, ווען יעדער איד, מאן אדער פרוי, דארף מאכן א חשבון הנפש. א חשבון אין וואס עס איז אוועק, צום גוטן, דאס פאריגע יאהר, און א צוגרייטונג פון א פאסנדער פראגראם פאר דעם קומענדען יאהר, הבא עלינו לטובה ולברכה - באגלייט מיט א פעסטן באשלוס דורכצופירען עס אין לעבן.

בא אידן איז אלעס פארבונדען מיט תורה. די תורה וועלכע איז ״תורת חיים״, א תורה וועלכע ווייזט ווי צו לעבן, וועלכע מאכט דאס לעבן פאר א ריכטיגען פולען לעבן און לערנט ווי צו פירן זיך בא יעדע אנגעלעגנהייט און יעדע מינוט פון טאג טעגלעכן לעבן.



### מתפקיד נשי חב״ד לחזק הלימוד בכל יום

מען האט שוין אמאל אויספירלעך גערעדט, אז איינע פון די אויפגעבן פון נשי ובנות חב״ד, איז צו ערמוטיגען און שטארקן זייערע מענער, ברידער און קינדער, צום לערנען תורה,

וואס דאס איז דאך א פליכט און מצוה אויף אלעמען, יונג אדער אלט, רייך אדער ארים א.א.וו.,

און דאס לערנען זאל זיין - יעדן טאג און אין דער מעגלעך גרעסטער מאס, און אז - ווי אין אלע ענינים פון אידישקייט - זאל עס געטאן ווערן מיט שמחה און מיט לעבעדיקייט.

### לתבוע מהבעל לימוד יומי

די ספעציעלע פארבונדנקייט פון פרויען מיט דער דורכפירונג פון דעם לימוד התורה איז, ווייל: א) אפט טרעפט אז די סיבה פון ניט לערנען תורה אין דער געהעריגער מאס - איז די גרויסע פארנומענקייט פון מאן אין ענינים פון פרנסה, אום צו פארזארגן די הויז און די פאמיליע מיט אלע נויטווענדיקייטן -

פיל מאל זאכן וואס נאר עס דוכט זיך, מ׳רעדט זיך איין, אז זיי זיינען נויטווענדיק.

דערפאר איז ספעציעל נייטיג און וויכטיג אז די פרוי, די עקרת הבית (די הויז פירערין) זאל ערמוטיגען און **אויפפאדערן** דעם מאן לערנען טעגליך תורה, און צו לערנען וואס מער, אויך אפילו ווען דאס איז פארבונדען מיט געוויסע מאטעריעלע באגרענעצונגען אין דעם אופן פון איר הויז און פאמיליע פירונג. - און דאס לערנען איז זיכער דער ריכטיגער מיטעל אויף ברייננגען גליק פאר דער גאנצער פאמיליע.

### ראיית אשתו יזכיר אותו ללמוד

ב) אפילו ווען די ערמוטיגונג און איפפאדערונג אנצוהאלטען דאס לערנען תורה **ווי געהעריג** קומט צום אויסדרוק אין ווערטער - נאר פון צייט צו צייט, איז אבער דאס טאג טעגליכע זען זיך מיטן מאן שוין אליין א שטענדיקע דערמאנונג אין דעם.

### ע״י פעולתן – שכר במצות תלמוד תורה

ג) דורך דעם שטארקן און אויפפאדערן זייערע מענער צום לערנען תורה, (און דורך שיקן זייערע זין אין כשר׳ע חדרים און ישיבות), האבן די פרויען א חלק אין זייער לערנען תורה, ד.ה. אים דער **מצוה** פון לערנען תורה,

אין צוגאב צום לערנען אלעס **א מיטעל** צו וויסען ווי אויפצופירען זיך - ווי ערקלערט אין הלכות תלמוד תורה, פון דעם אלטן רביין (ענדע פון ערשטן פרק).

און ממילא געניסן זיי אויך פון דעם שכר (באצאלט) פאר דעם מצוה, וואס ווי די מצוה אליין - איז אויך איר שכר גרעסער ווי דער שכר פון אנדערע מצות.

## בקשה לנשי חב"ד: תעמולה מיוחדת ללימוד יומי

מיין בקשה איז אז אין די טעג זאל זיך בא אייך אנהויבן א ספעציעלע באוועגונג און א פארגרעסערטע טעטיקייט צו ערמוטיגען די מענער, ברידער און קינדער, צו פארשטארקען און פארגרעסערען זייער טאג טעגלעכען לערנען תורה, סיי נגלה סיי חסידות - לערנען מיט לעבעדיקייט און שמחה.

און דער אויבערשטער, דער נותן התורה - זאל צוגעבן און פארגרעסערען זיינע ברכות צו יעדערן אין דעם וואס ער נויטיגט זיך, סיי אין גשמיות סיי אין רוחניות,

און געבען יעדערן, בתוך כלל ישראל, א כתיבה וחתימה טובה ושנה טובה ומתוקה.

מיט א וואונש צו גוטע בשורות, פון **יעדערע** פון אייך, אין דאס אויבנגעזאגטע, ובברכת כתיבה וחתימה טובה

**מ. שניאורסאהן**

## לצרף להפ"נ שלהן השיעורים של בעליהן

נ.ב. עס וואלט געווען גוט, אז די וועלכע וועלן זיך ווענדן מיט א בקשה צו מזכיר זיין זיי און די פאמיליע אויף דעם ציון הק' פון כ"ק מו"ח אדמו"ר זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע, אין די טעג פון רחמים ורצון זאלן אויך צוגעבן צו זייער בקשה, די שיעורים פון לערנען וועלכע ווערן אנגעהאלטען פון זייערע מענער, אז אויך דאס זאל דערמאנט ווערן צוזאמען מיט דער בקשת ברכה.

(אג"ק ח"כ ע' ש"ל)

**[קטע מאגרת המזכירות בקשר להוראה שבסוף האגרת]**

לכל או"א מאנ"ש שליט"א...

על פי מה ששמענו מכ"ק אדמו"ר שליט"א, באנו להעיר וגם לבקש, אשר בהפ"נ הנשלחים, ובפרט - הנשלחים בימי הרחמים והרצון ולימי הרחמים והרצון. -שעניינים תפלה ובקשה מלמטה למעלה - לעורר כו' ממקור כו' מלמעלה למטה - יורה כל אחד, השיעורים שלו בלימוד התורה,

לזכות

**רחל ורייזל שתחי'**

לרגל הכנסם לעול מצוות

ביום רביעי, ט"ז בשבט ה'תשס"ח

יה"ר מהשי"ת שיצליחו בלימוד ובהנהגה,

ויגדלו להיות בנות חב"ד

כרצון נשיאינו הקדושים זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע

נדפס ע"י הרה"ת **אבא אליהו** שיחי'

וזוגתו **מינא בוניא** תחי'

וב"ב

**מנחם מענדל, לוי יצחק,**

**ניסן, ורבקה נעכא שיחיו**

**דייטש**